# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת חיי שרה

## קדושת שבת

### אכטונג געבן אויפ'ן רעדן שַׁבָּת

**דער** חיד"א ברענגט פון סֵפֶר סֵדֶר הַיּוֹם וואס זאגט: דער מענטש וואס שמועסט איבריגע רייד שַׁבָּת אדער וואכענדיגע זאכן, איז זֵיין שטרָאף זייער גרויס, וֵוייל עֶר איז פּוֹגֵם אִין דעם קְדוּשַּׁת הַיּוֹם אויף דער וועלט, ווִי אויך איז עֶר פּוֹגֵם אִין הִימֶל, עֶר ווייזט מִיט זיינע שלעכטע מַעֲשִׂים אַז עֶר האָט נישט קיין חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל.

**דאס** זעלבע שטייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ [פ' ויקהל דף ר"ה] אַז דער מענטש וועלכע רעדט וועלט'ליכע זאכן, דער איז מְחַלֵּל שַׁבָּת! עֶר האָט נישט קֵיין חֵלֶק אִין דעם אידישן פאלק! צְוֵויי מַלְאָכִים זאגן ווִיי פאר דעם מענטש וואס האָט נישט קֵיין חֵלֶק אִין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. וֵוייל שַׁבָּת דארף דער מענטש בלויז זֵיין באשעפטיג מִיט דאווענען געזאנגען און לויבן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און מִיט לערנען דִי תּוֹרָה.

**דער** חיד"א שרייבט אויף דעם אַז עס איז נישט קֵיין סָפֵק אַז אִידִישֶׁע קינדער זענען הייליג ווִי דער אפשטאם פון ווִי זֵיי שטאמען פון דִי הייליגע אָבוֹת, און דאס וואס זֵיי זינדיגן איז נאָר אַ שׁוֹגֵג, וֵוייל זֵיי ווייסן נישט אַז דאס רעדן שַׁבָּת איבריגע רייד איז מַמָּשׁ אַן אִיסוּר, אבער אַז מען ווייסט שוין דארף מען דערויף תְּשׁוּבָה טוהן, און הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וועט נישט צוריק האלטן דאס גוטס פאר דִי וואס גייען מִיט זייער גאנצקייט.

**לב דוד מהחיד"א**

**שַׁבָּת לַה' אֱלֹקֶיךָ**, רַבִּי אֶלְעָזָר זאגט בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אַז דער פָּסוּק מיינט אַז מען רוהן אזוי ווִי דיין בַּאשֶׁעפֶער רוהט, פונקט ווִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רוהט פון רעדן, אזוי אויך זאלט איר רוהן פון רעדן.

**רַבִּי** חֲנִינָא זאגט: זייער שווער האָבן דִי חֲכָמִים מַתִּיר געווען צוּ זאגן שָׁלוֹם אוּם שַׁבָּת.

**רַבִּי** אַבָּא בַּר כַּהֲנָא זאגט: רַבִּי שִׁמְעוֹן האָט געזען אַז זֵיין מאמע רעדט אוּם שַׁבָּת, האָט עֶר איר געזאגט: מאמע עס איז שַׁבָּת, און זִי האָט געשוויגן.

**מדרש הגדול יתרו כ' י'**

**דִי** זאלסט אכטונג געבן אויף דיין רעדן אוּם שַׁבָּת, וֵוייל אויף אלעם וועסטו אפגעבן אַ דִּין וְחֶשְׁבּוֹן.

**צוואת רבי אליעזר הגדול**

**הַגָּאוֹן** הגר"א שרייבט אִין אַ בריוו: שַׁבָּת און יוֹם טוֹב זאלט איר בִּכְלַל נישט רעדן זאכן וועלכע זענען נישט זייער שטארק וויכטיג. אויך דִי גאר וויכטיגע זאכן זאלט איר וואס מער מְקַצֵּר זֵיין, וֵוייל דִי קְדוּשַּׁת שַׁבָּת איז זייער גרויס. זייער שווער האָבן דִי חֲכָמִים מַתִּיר געווען צוּ זאגן שָׁלוֹם אוּם שַׁבָּת. זעה אויף אֵיין וָוארְט שָׁלוֹם וויפיל האָט מען מַחְמִיר, בִּפְרָט זאל מען אכטונג געבן נישט צוּ רעדן פאר דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, ווִי אויך אינמיטן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת זאל מען חַס וְשָׁלוֹם נישט רעדן קֵיין דְּבָרִים בְּטֵלִים, און כָּל שֶׁכֵּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מען זאל חָלִילָה נישט רעדן קֵיין לָשׁוֹן הָרָע א.ד.ג.

**אגרת הגר"א**

### שַׁבָּת זאגט נישט אַן עַם הָאָרֶץ קיין ליגענט

**שַׁבָּת** קומט יעדער צוּם אֱמֶת, וֵוייל שַׁבָּת איז אַ טייל פון פארגעניגן פון עוֹלָם הַבָּא וואס איז דער אֱמֶת'דיגע וועלט, דעריבער ווערט אוּם שַׁבָּת נִמְשַׁךְ דער אֱמֶת אויף דער וועלט, אַז דער עַם הָאָרֶץ האָט אויך מוֹרָא צוּ זאגן אַ ליגענט. דעריבער איז פארשטענדליך אַז אָן דעם שַׁבָּת קען מען נישט אֲרַיין קוּמֶען אִין עוֹלָם הַבָּא, וֵוייל

מען קען נישט גראַד גֵיין פון אַ וועלט וואס איז אַ וועלט פון ליגענט, צוּ אַ וועלט וואס איז בלויז אֱמֶת, דעריבער מוז מען היטן דעם שַׁבָּת אויף דער וועלט כְּדֵי מען זאל קענען זוֹכֶה זיין אנצוקומען צום עוֹלָם הַבָּא. **אמרי פנחס החדש, שַׁבָּת אות מ"ז**

**נָאךְ** אַ טַעַם קען מען זאגן פארוואס דער עַם הָאָרֶץ האָט מוֹרָא צוּ זאגן ליגענט שַׁבָּת, ווייל שַׁבָּת ווייזט נאָר בלויז אויף אֱמֶת, ווי דער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זאגט [דרך פיקודך מל"ת לא תענה] אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וואס איז אֱמֶת האָט באשאפן דער וועלט מִיט בלויז אֱמֶת, און ווען איינער זאגט אַ ליגענט באשאפט עֶר יעצט אַ נייע זאך וואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט דאס נישט באשאפן, עֶר איז אַן עֲבוֹדָה זָרָה, עֶר באשאפט אַ נייע זאך, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ באשאפט נישט קֵיין שוּם זאך וואס איז ליגענט, ווייל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז בלויז אֱמֶת, [ע"ש שהאריך בזה].

**קען** זיין אַז דערפאר האָט דער עַם הָאָרֶץ מוֹרָא צוּ זאגן אַ ליגענט שַׁבָּת, ווייל דער שַׁבָּת צייגט דאך נאָר אויף אֱמֶת, און אַז עֶר וועט זאגן אַ ליגענט, קומט אויס אַז עֶר קען נישט מער עֵדוּת זאגן אויף דעם שַׁבָּת וואס צייגט אִיבֶּער נאָר דעם אֱמֶת.

**שטייט** אין יְרוּשַׁלְמִי [דמאי פ"ד ה"א], אַז דִי עַמֵּי הָאָרֶץ אויב זֵיי זאגן אום שַׁבָּת אַז זֵיי האָבן שוין אפגעשייד מַעֲשֵׂר פון זייערע פֵּירוֹת זענען זֵיי באגלייבט, ווייל שַׁבָּת זאגן זֵיי נישט קיין ליגענט, זֵיי האָבן מוֹרָא פון שַׁבָּת צוּ זאגן אַ ליגענט.

**לִכְאוֹרָה** איז דאס אַ פֶּלֶא אַז היינטיגע צייטן האָט מען נישט קֵיין מוֹרָא צוּ זאגן ליגענט אום שַׁבָּת.

**נאָר** עס קען זיין אַז אין דִי צייטן פון דִי חַכְמֵי הַמִּשְׁנָה האָבן דִי גְּדוֹלֵי הַחֲכָמִים פארמאגט אַ געוואלדיגן מוֹרָא אום שַׁבָּת, אַז דאס האָט אויך מַשְׁפִּיעַ געווען אויף דִי עַמֵּי הָאָרֶץ אַ געוואלדיגן מוֹרָא פון שַׁבָּת. **דברי יחזקאל לשבת, ויואל משה מאמר לשון הקודש דף תמ"ז.**

**עס** קען זיין אַז דערפאר האָבן דִי עַמֵּי הָאָרֶץ מוֹרָא פון שַׁבָּת, וויבאלד עס שטייט אין כִּתְבֵי האריז"ל, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גיט צוריק יעדן שַׁבָּת דִי צוויי קרוינען וואס זענען דִי מִדָּה פון אַהֲבָה און יִרְאָה, וואס דאס איז דִי בְּחִינָה פון דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, און וויבאלד מען באקומט דִי יִרְאָה דורך מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דעריבער האָבן דִי עַמֵּי הָאָרֶץ מוֹרָא צוּ זאגן אַ ליגענט אום שַׁבָּת. **מאור עינים פ' תשא ד"ה ע"ה**

**דער** חיד"א ברענגט פון האריה"ק [שער מאחז"ל פסחים] אַז שַׁבָּת האָבן אַלֶע עוֹלָמוֹת אַן עֲלִיָּה דעריבער האָבן דִי עַמֵּי הָאָרֶץ מוֹרָא צוּ זאגן אום שַׁבָּת אַ ליגענט, ווייל דער פְּגַם דעגרייכט ביז צוּ דִי העכערע הִימְלֶן.

**דער** רמב"ם אין פֵּירוּשׁ הַמִּשְׁנָיוֹת [דמאי, שם] זאגט אַז פאר דִי עַמֵּי הָאָרֶץ איז בִּכְלַל יעדע עֲבֵירָה אום שַׁבָּת זייער אַ האַרב זאך, ווייל שַׁבָּת איז אַ הייליגע טאג, דערפאר צוליב דעם קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת האָבן זֵיי מוֹרָא צוּ זאגן שַׁבָּת אַ ליגענט, זייער נְשָׁמָה פארשטייט אַז אַ פְּגַם אום שַׁבָּת איז זייער גרויס מער ווי אין דִי וואכן טעג וועלכע זענען נישט קֵיין הייליגע טעג, דעריבער האָבן זֵיי מוֹרָא פון דעם שַׁבָּת און זאגן נישט קֵיין ליגענט.

**פתח עינים לחיד"א פסחים מט.**

**שטייט** אין יְרוּשַׁלְמִי [דמאי פ"ד ה"א], אַז דִי עַמֵּי הָאָרֶץ זאגן שַׁבָּת נישט קֵיין ליגענט, ווייל זֵיי האָבן מוֹרָא פון שַׁבָּת.

**צַדִּיקִים** האָבן געזאגט אַ רֶמֶז אויף דעם מַאֲמָר פון יְרוּשַׁלְמִי אַז דער עַם הָאָרֶץ וועלכע ארבעט שווער אַ גאנצע וואך, דארף אַ גאנצע וואך זיך שרעקן אַז אֶפְשָׁר וועט עֶר נישט רָאוּי זיין צוּ קענען דערשפירן דעם קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת.

**מובא בספר מתנה טובה**

## ליגענט זאגן איז חִילוּל שַׁבָּת

**נָאךְ** אַ טַעַם קען מען זאגן אַז דערפאר האָבן דִי עַמֵּי הָאָרֶץ מוֹרָא צוּ זאגן אַ ליגענט אום שַׁבָּת, ווייל דער תַּרְגּוּם אויף דעם פָּסוּק וְדַבֵּר דָּבָר [ישעי' נ"ח] זאגט, אַז דער פָּסוּק מיינט וּמַלְלָא מִילִין דְאוֹנֵס - אַז מען טאָר נישט רעדן אום שַׁבָּת אומווירדיגע רייד, אזעלעכע רייד וואס מען טאר נישט אֲפִילוּ אינדערוואכן רעדן, ווייל דאס איז אויך אַ חִילוּל שַׁבָּת, [עי' רד"ק שם שפי' כן]. קומט אויס אַז אויב זאגט מען שַׁבָּת ליגענט איז אויסער דִי עֲבֵירָה פון ליגענט זאגן ווערט דאס אויך גערעכנט ווי מען איז דערמיט מְחַלֵּל שַׁבָּת.

**לויט** דעם קומט אויס אַז שַׁבָּת דארף מען מער זיין געווארנט מען זאל חָלִילָה נישט עוֹבֵר זיין אויף קֵיין שוּם עֲבֵירָה, ווייל אויסער דִי עֲבֵירָה איז מען אויך מְחַלֵּל דעם שַׁבָּת, וד"ל.

**עי' כעי"ז בישמח משה ביין הרקח דמאי**